**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2024/28/03 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון אפֿאָרדעבל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט מיט 41 יוּניטס אין עלמיירע**

***Reynolds Way Apartments פארוואנדלט פיר ליידיגע היסטארישע געביידעס צו אפֿאָרדעבל און ענערגיע-שפארזאמע היימער***

***שטופט פאראויס עלמיירע'ס 10 מיליאן דאלארדיגע 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' סטראטעגיע דורכן עלימינירן חורבות און אויסברייטערן האוזינג אפציעס***

***אינוועסטירונג ערגענצט "Southern Tier Soaring" — די ראיאָן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון Reynolds Way Apartments אין די סיטי אָוו עלמיירע. די דעוועלאפמענט אויף אויסגעשפרייטע לאקאציעס האט פארוואנדלט פיר היסטארישע געביידעס צו ווערן 41 אפארטמענטס, אריינרעכנענדיג 13 מיט שטיצנדע סערוויסעס. זיך געפונענדיג אין עלמיירע'ס געגנט וואס איז געציהלט דורך די 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' (Downtown Revitalization Initiative) — העלפט די דעוועלאפמענט די שטאט צו ערגרייכן אירע ציהלן פון אויפרעכטן היסטארישע שטחים און פארמערן האוזינג אפציעס אין די שטאט-צענטער.

"מיר ברענגען נייע לעבן צו אונזערע קאמיוניטיס דורכן רענאווירן די היסטארישע פראפערטיס וואס גיבן זיי אן אייגנארטיגקייט — אונטערהייבנדיג געגנטער פאר אייננוואוינער און צוקונפטיגע דורות", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די טראנספארמאציע פון די Reynolds Way Apartments בויט ארויף אויף יארן פון סטעיט אינוועסטירונג אין עלמיירע'ס שטאט-צענטער וואס פארבעסערט מענטשן'ס לעבנס און בויט אויף א שטערקערע קאמיוניטי פאר יעדן."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) אויפגעבויט אדער פרעזערווירט נאענט צו 300 אפֿאָרדעבל היימער אין טשימאָנג קאונטי. Reynolds Way Apartments זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

Reynolds Way Apartments באשטייט פון פיר געביידעס וואס פלעגן שטיין ליידיג, באקאנט אלס די Apartments, די Townhomes, די Warehouse און די Stowell House — אלע וועלכע געפונען זיך

אין איין בלאק איינע פון די אנדערע אין עלמיירע'ס שטאט-צענטער. אלע פיר געביידעס וועלכע זענען אריבער פארשידענע שטאפלען פון חורבן, זענען פולשטענדיג איבערגעבויט געווארן.

די פיר געביידעס געפונען זיך אינערהאלב די עלמיירע בירגערליכע היסטארישע דיסטריקט, און סיי די Stowell House און די Warehouse געפונען זיך ביידע באזונדער אויף די סטעיט און נאציאנאלע אפיציעלע ליסטעס פון היסטארישע ערטער.

די דעוועלאפמענט רעכנט אריין פינף סטודיאוס, 30 איין-שלאף-צימערדיגע און זעקס צוויי-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס. אלע 41 אפארטמענטס וועלן זיין גענוג ביליג פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען 60 פראצענט אדער וויניגער פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט.

13 אפארטמענטס זענען אוועקגעלייגט פאר פאמיליעס וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט וועלכע וועלן האבן צוטריט צו שטיצנדע סערוויסעס און רענט סאַבסידיס דורך א גרענט פון די 'עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו' (Empire State Supportive Housing Initiative) וואס ווערט פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance).

די פארענדיגטע דעוועלאפמענט, וואס באנוצט זיך מיט גאר שפארזאמע הייצונג און עיר קאנדישען סיסטעמען אין אלע געביידעס, האט זיך פארדינט די EPA'ס ENERGY STAR® Multifamily New Construction און Enterprise Green Communities סערטיפיקאציעס.

די דעוועלאפער און שטיצנדע סערוויס פראָוויידער איז Arbor Housing and Development.

סטעיט פינאנצירונג פאר די 20 מיליאן דאלארדיגע Reynolds Way Apartments רעכנט אריין 7.5 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און 5.8 מיליאן דאלאר אין סאַבסידי פון די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל. די ניו יארק סטעיט פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (New York State Parks, Recreation and Historic Preservation) האט באשטעטיגט 5.7 מיליאן דאלאר אין סטעיט און פעדעראלע היסטארישע איבערבויאונג ( Historic Rehabilitation) טעקס קרעדיטס. די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) האט צוגעשטעלט $41,000 אין אנרייץ מאסנאמען פון דעם נייע קאנסטרוקציע האוזינג פראגראם ( New Construction Housing Program).

אין צוגאב צום פארשטערקערן דעם ראיאן'ס "Southern Tier Soaring" (סאוטערן טיער - שטייגנדיג) פלאן, איז די האוזינג דעוועלאפמענט אין איינקלאנג מיט די סטעיט'ס 10 מיליאן דאלארדיגע 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו' אינוועסטירונג אין עלמיירע'ס שטאט-צענטער, דורכן העלפן די שטאט נאכקומען א נויט פאר האוזינג פאר די ארבעטסקראפט.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "דורכן איבערבויען די פיר היסטארישע געביידעס, טוט Reynolds Way Apartments פרעזערווירן חלקים פון עלמיירע'ס פארגאנגענהייט און עס גיבט א נייע צוועק אר די עקזיסטירנדע סטרוקטורן צו פארגרעסערן די שטאט'ס האוזינג מארקעט מיט 41 אפאָרדעבעל און שטיצנדע היימער. א דאנק פאר אונזערע שותפים ביי Arbor Housing and Development פאר זייער ארבעט ביים פארענדיגן די לעבנ'ס טוישנדע דעוועלאפמענט, און פאר גאווערנער האקול — פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די אויפלעבונג פון עלמיירע'ס שטאט-צענטער דורך געציהלטע אינוועסטירונג אין פראיעקטן וואס שטעלן אהער רעזולטאטן פאר איינוואוינער."

**ניו יארק סטעיט פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאָונס, האט געזאגט,** "קאמיוניטיס אריבער ניו יארק זענען רייך מיט היסטארישע פּראפּערטיס, טייל פון וועלכע שטייען שוין ליידיג אדער נישט אויסגענוצט פאר צו לאנג. נישט נאר טוהען זיי ביישטייערן צו די כאראקטער פון א געגנט, נאר זיי זענען אויך שטראלן פון פאטענציאל. מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן בשותפות אויף פראיעקטן צו פאראויס שטופן די גאווערנער'ס אפאָרדעבעל האוזינג אינציאטיוו דורך פראגראמען ווי די היסטארישע איבערבויאונג טעקס קרעדיט פראגראם און צו העלפן דעוועלאפערס טרעפן שעפערישע וועגן צו צוריק אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטיס. ברענגען היסטארישע פראפערטיס צוריק אין באנוץ צו ענטפערן אויף די הייגטיגע באדערפענישן העלפט אונז באדינען ניו יארקער יעצט און אריין אין די צוקונפט."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "מיט די פארענדיגונג פון די Reynolds Way Apartments, האבן טשימאָנג קאונטי איינוואוינער יעצט צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג וואס בויט אריין ענערגיע-שפארזאמע אייגנשאפטן ווי צום ביישפיל ENERGY STAR אפלייענסעס, ענערגיע-שפארנדע פענסטערס, ריינע הייצונג און קילונג עקוויפמענט און מער, פאר א זיכערערע און באקוועמערע וואוינונג ערפארונג. דער פראיעקט שפיגלט אפ גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן גערעכטיגקייט אין די סטעיט'ס ריינע-ענערגיע אינוועסטירונגען אזוי ווי מיר ארבעטן צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס און שאפן געזונטערע פלעצער צו וואוינען."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף צייטווייליגע קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "די רענאוואציע פון די פיר היסטארישע פּראפּערטיס גיבן פאר פאמיליעס וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט גאר-נויטיגע סטאבילע אפאָרדעבעל האוזינג מיט וועזנטליכע שטיצע סערוויסעס וואס וועלן ערמעגליכן די פאמיליעס צו בליהען אין עלמיירע. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן שטיצן פראיעקטן ווי Reynolds Way Apartments וואס פארגרעסערן די סופליי פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג אפציעס פאר פאמיליעס און העלפן אפשטעלן די רעדל פון היימלאזיגקייט אריבער ניו יארק סטעיט."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "דער Reynolds Way פראיעקט ווייזט ווי א גרויסע ווירקונג די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו קען האבן אויף קאמיוניטיס. איינמאל אינוועסטירער און דעוועלאפערס זעהען די סימנים פון וואוקס און פארשריט, ווילן זיי זיין א חלק פון די 'עקשען'. דער פראגראם איז א געוואלדיגע ביישפיל פונעם איינשפאנען רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען צו שטופן פאר עקאנאמישע אקטיוויטעט פאר א קאמיוניטי. אין צוגאב, שטיצט דער פראיעקט גאווערנער האקול'ס האוזינג פריאריטעטן. עס איז אלזא א געווינס פאר אלע זייטן."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער עלמיירע איינוואוינער צו האבן צוטריט צו זיכערע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן, און איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט – וואס איך האב געקעמפט צו אויסברייטערן – האט צוגעשטעלט די מיליאנען וועלכע האבן אויסגעפעהלט צו פארענדיגן רענאוואציעס אויף די לאנג-ערווארטעטע אפאָרדעבעל צוגענגליכע אפארטמענטס פאר איינוואוינער און פאמיליעס אט דא אין עלמיירע'ס שטאט-צענטער. הויכע האוזינג קאסטן זענען א הויפט טרייב קראפט פון אינפלאציע, און דערפאר מוזן מיר בויען מער האוזינג כדי צו אראפברענגען די הויכע פרייזן. "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארמערן צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג אריבער די גאנצע עמפייער סטעיט, און איך וועל שטענדיג קעמפן צו אהערשטעלן די פעדעראלע מיטלען צו גיסן די יסוד פאר א לעכטיגערע צוקונפט פאר די סאוטערן טיער."

**סטעיט סענאטאר טאם אָומארא האט געזאגט,** "סטעיט אינוועסטירונגען אין אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט אין אונזערע קאמיוניטיס פארשטערקערן די יסוד פון געגנטער און די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער און פאמיליעס אין די סיטי אָוו עלמיירע און אין קאמיוניטיס ארום דעם ראיאן און סטעיט. די עפענונג פון די Reynolds Way Apartments וועט אהערשטעלן קריטישע קורץ- און לאנג-טערמיניגע בענעפיטן צו העלפן אירע איינוואוינער און זייערע פאמיליעס פארזעצן צו צוריקנעמען קאנטראל פון זייערע לעבנס און צוריק בויען א שטערקערע צוקונפט פאר זיך און די קאמיוניטי בכלל."

**סיטי אָוו עלמיירע מעיאר דען מאנדעל האט געזאגט,** "איך בין גאר דערפרייידט צו זעהן די פארענדיגונג פון דעם Reynolds Way Apartments פראיעקט וואס איז אונטערגענומען געווארן דורך Arbor Housing and Development. די טראנספארמאציע פון אמאל-חרוב'ע פראפערטיס צו ווערן גאר-נויטיגע האוזינג פאר די קאמיוניטי וועט האבן גאר א פאזיטיווע ווירקונג אויף די שטאט-צענטער געגנט. דער פראיעקט איז אין נאענטע איינשטימונג מיט די שטאט'ס פלאנירונג באמיאונגען ארייננרעכנענדיג אונזערע פארעם-באזירטע זאָונינג רעגולאציעס וואס זענען איבערגעארבעט געווארן אונטער די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו. פילן דאנק פאר די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל; ניו יארק סטעיט פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג; NYSERDA; עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קארפארעישען; און אונזערע פילע לאקאלע דעוועלאפמענט שותפים וועלכע האבן געהאלפן מאכן דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט פאר א מציאות."

**Arbor Housing and Development פרעזידענט און CEO, סוּזען בוּל, האט געזאגט,** "Arbor Housing and Development איז באעהרט צו זיין א טייל פון די אויסערגעווענטליכע מאנשאפט וואס האט געברענגט די פיר-געביידע פראפערטי פון חורבה צו אויפגעראכטן ווערן, כדי די מענטשן אין עלמיירע זאלן קענען האבן א באריייכערטע קוואליטעט פון לעבן דורך זיכערע, אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג."

**שטופן 'Southern Tier Soaring' אויף פאראויס**

די הייַנטיגע אנאנסירונג באגלייט "Southern Tier Soaring" (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע פלאן צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן פארשריט פון דעם קומענדיגן דור. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא.](#)

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן